בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ג' | פ' שופטים | אדר"ח אלול | תשע"א | פסחים: צ:

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אלכנסדר נחום גאטליעב הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען האט מרן רבינו שליט"א אריינגערופן די גבאים פון כיתות צעירים און שיעור א', ווי דער רבי שליט"א האט פון זיי אויפגעפאדערט צו שטיין על המשמר דורכצופירן די נייע שטריימעל תקנה, און נישט לאזן די חתנים נאכגעשלעפט ווערן נאך די רייץ פון די אגענטן פון די טייערע שטריימל פאבריקן.

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה צו מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש אין וויליאמסבורג, פון 6:30 ביז 9:30 פינקטליך.

בייגעלייגט איז דער מודעה פון די זמני כניסה פון די וואכן פון פ' שופטים און תצא הבעל"ט.

## מסיבת "למען דורותינו" לטובת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג

היינט נאכט קומט פאהר דער ערשטער מסיבה "למען דורותינו" אין וועלכער אינגעלייט אנ"ש אין וויליאמסבורג וועלן שטיצן די הייליגע מוסדות אין וויליאמסבורג, אין די זאלן פון אימפעריעל, בהשתתפות מרן רבינו שליט"א.

## הגה"צ אב"ד דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א טרעהט אויף אין ישיבה גדולה – שיעור ד'

דעם פארגאנגענעם זונטאג העעל"ט האט הגה"צ אב"ד דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א אפגעשטאהט א באזוך אין היכל ישיבה גדולה – שיעור ד' ווי דער רב שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א דרשת התחזקות פאר די בחורים.

# רעגירונג'ס "פימא" ארגענעזאציע ראטעווען ארויס תלמידי ישיתיה"ק ב"פ פון פליישמאן'ס נאך העפטיגע שתדלנות

נאך די גאהר שטארקע הוריקעין אין ניו יארק און אומגעגענט דעם אנפאנג וואך, איז אין ליכט פון דעם דער פליישמאן'ס שטעטל אין אפסטעיט ניו יארק – אין וועלכע עס געפונען זיך די קעמפ'ס פון ישיבה קטנה און ישיבה גדולה פון בארא פארק – גאהר שטארק פארפלייצט געווארן און איז געווארן א מקום מסוכן, אין צוגאב וואס עס איז אוממעגליך געוועזן צו דערליווערן עסן און אלע הצטרכות'ן פאר די תלמידי הישיבה נאכדעם וואס אפילו די ראוד'ס און וועגן וואס פירן אהין זענען חרוב געווארן.

זעהענדיג אז עס איז נישטא קיין וועג ארויין אדער ארויס, האט די הנהלת הישיבה באשלאסן צו פארקערצערן דעם זוממער אין קעמפ מיט עטליכע טעג, עס איז אבער אנשטאנען א פראבלעם, נעמליך קיין שום באס פירמע האט נישט געקענט אהיים נעמען די בחורים.

דערזעהנדיג זיך אין דעם פראבלעם האט זיך העסקן ר' משה ארי' וויזעל הי"ו מחשובי אנ"ש אין מאנסי, געוואנדן צו די הויכע רעגירונגס פענסטער אינערהאלב ניו יארק סטעיט, און נישט גערוהט ביז נאך העפטיגע שתדלנות האט "פימא" ארא‍פגעשיקט זייערע באסעס מיט וואס די בחורים זענען בעזהשי"ת אהיימגעפירט געווארן לחיים ולשלום.

***

אויך זענען היינט די תלמידות פון מחנה בית רחל אין קרית יואל אהיימגעקומען פון קעמפ בשטומ"צ נאכ'ן פארברענגען א רייכער זוממער אין קעמפ.

די אינגלער און בחורים פון מחנה רב טוב – מחנה נתן צבי וועלן זיך אי"ה אומקערן אהיים מארגן – מיטוואך נאכמיטאג.

***-ובשלום תבלון-***

***

# לעצטע אין סעריע זוממער דרשות פון היי יאהר אין ביהמ"ד הגדול בארא פארק

אין די סעריע פון די יערליכע זוממער דרשות יעדן דינסטאג אין ביהמ"ד הגדול אין בארא פארק צוגעשטעלט דורך די התאחדות אברכים, וועט היינט נאכט אי"ה אויפטרעטן הרה"ג ר' אברהם שארר שליט"א רב דק"ק תפארת יעקב אום 10:00 אזייגער.

דער היינטיגע דרשה איז דאס לעצטע אין די היי יעריגער סעריע וועלכער האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין א גרויס הצלחה בעזהשי"ת.

***

## ניחום אבלים

ביי משפחת האשה החשובה מרת לאה רבקה ב"ר אלי' ע"ה שטערן (גליק) וועלכער איז טראגיש אומגעקומען אינעם הוריקעין די וואך וויילענדיג אין פליישמאן'ס נ.י., זיצט מען שבעה ביז זונטאג אינדערפרי.

ביז דאנערשטאג פארמיטאג זיצט מען שבעה אין קרית יואל אויף 21 ישראל זופניק דר., און פון דאן זיצט מען שבעה אין איר שטוב אין וויליאמסבורג אויף 200 ראסס סט. אפט. 2-F

***

ביי משפחת הרבנית רחל ב"ר יצחק ע"ה ווייס (אוהעל ב"פ) זיצט מען שבעה ביז זונטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין ביהמ"ד בית שלמה איהעל אין בארא פארק אויף 1451 46'סטע גאס.

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

∞•∞

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**